Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

**Najer Folksblat** פּרייז 20 גראָשען

# היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע מאָריס - נטזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 100/1395 | Łódź, Poniedziałek 30 kwietnia 928 r. | זעקסטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מאָנטאָג י' אייר תרפ"ח | Nr. 100/1395

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# קעניג אַמאַנולאַה אין וואַרשאַ.

## דער פייערליכער קבלת פנים פאַר'ן אַפגאַניסטישען קעניג.

וואַרשאַ, 29. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). די שטאָדט איז היינט דעקאָרירט. איבער די רעגירונגס - געביידעס און אין האָטעל „אייראָפּעיסקי", וואו ס'וואוינט די סוויטע פון אַפגאַניסטאַנישען קעניג, זענען חוץ די פּוילישע נאַציאָנאַלע פאָהנער, אויסגעהאָנגען אויך אַפגאַניסטאַנישע—שוואַרצע פאָהנער מיט אַ זילבערנעם הערב.

אין דער גאַנצער שטאָדט זענען אויסגעהאָנגען פּוילישע נאַציאָנאַלע פאָהנער.

דער הויפּט וואָקזאַל איז פּרעכטיג דעקאָרירט. אין דער לענג פון איהם זענען אויסגעשטעלט די פילאַרען, וועלכע מ'האָט ספּעציעל אויסגעבויט ביי ברענגען סלאָיואַצקי'ס קערפּער קיין פּוילען. דער גאַנצער וואָקזאַל איז פערזונקען אין אַ ים פאָהנער פּוילישע, אַפגאַניסטאַנישע און בלומען.

דער פעראָן איז אויסגעלייגט מיט חויטע סעפיכער.

פון 8 אינדערפריה זענען די גאַסען, וואָס פיהרען פון וואָקזאַל צום שלאָס אויסגעשטעלט מיט מיליטער און גרויסע פּאָליציי-אַבטיילונגען.

אויף די באַלקאָנען, פענסטער א. א. וו. זאַמלען זיך צעהנדליגער טויזענדער מענשען.

9 אינדערפריה הויבען זיך אָן צוזאַמענצוקומען אויפ'ן וואָקזאַל די פאָרשטעהער פון דער רעגירונג, פערטרעטער פון מאַרשאַלעק פּילסודסקי, דער גענעראַלען- און אָפיצירען-קאָרפּוס, סיים-מאַרשאַלעק דאַשינסקי, שטאָט-פּרעזידענט סלאָמינסקי, פּרעזעס פון שטאָט-ראַט, פּאָליציי, פּרעסע א.א.וו.

15 מינוט פאַר 10 קומט אָן דער מלוכה-פּרעזידענט מיט זיין פרוי.

דער אָרקעסטער שפּילט אויף דעם הימן.

אויפ'ן פעראָן געפינען זיך אויך דריי אַלבאַנישע אָפיצירען, וועלכע זענען נאָך נעכטען אָנגעקומען.

10 אַ זייגער קומט אָן דער קעניגליכער צוג. דער מלוכה-פּרעזידענט און זיין פרוי בעגריסען זעהר הארצליך די געסט. ס'ווערט געשפּילט דער הימן פון אַפגאַניסטאַן.

ס'הערען זיך 21 האַרמאַטען-שאָסען.

דער קעניג נעהמט אָפּ דעם ראַפּאָרט פון גענ. וורובלעווסקי, און ער גייט פערביי דער עהרען-קאָמפּאַניע.

ער איז פון מיטעלען וואוקס. טראָגט אַ גאַנץ בעשיידענעם מונדיר פון כאַקי-קאָליר בעהאָנגען מיט מעדאַלען. די קעניגין איז אַ שעהנע שלאַנקע ברונעטין, געהט אָנגעטון אינגאַנצען אין לילאַקאָליר.

דער הויפּט-מאַרשאַל פון קעניג טראָגט אַ רויטען מונדיר.

דער מלוכה-פּרעזידענט שטעלט פאָר פאַר'ן קעניג די מיניסטאָרען.

עס ווערען געגענזייטיג פאָרגעשטעלט די סוויטעס, און דער גאַנצער עולם לאָזט זיך מיט אויטאָ'ס אַוועק אין די פאַר זיי בעשטימטע אַפּאַרטאַמענטען אין מיניסטאָרען-ראַט.

אין ערשטען אויטאָ פאָהרט דער קעניג מיט'ן מלוכה-פּרעזידענט.

פון מיניסטאָרען-ראַט איז די קעניגליכע פאָר אַוועקגעפאָהרען מיט אַ וויזיט אין שלאָס.

12 אַ זייגער איז אויפ'ן זאַקסישען פּלאַץ פאָרגעקומען די צערעמאָניעס פון לייגען אַ קראַנץ אויפ'ן קבר פון „אומבעקאַנטען זעלנער".

פאַר די אויטאָ'ס זענען געפאָהרען אולאַנער, און 4 טראָמפּייטערס. נאָך די אויטאָס—מיליטער. מ'איז אָפּגעפאָהרען צוריק אין מיניסטאָרען-ראַט.

5 פאַרנאַכט זענען פאָרגעקומען די היפּישע קאָנקורסען (פערד-געיעגען) אין די לאַזשענקעס.

האַלב ניין איז פאָרגעקומען אַ גאַלאַ-מיטאָג, צו וועלכען דער קעניג מיט דער קעניגען זענען געפאָהרען אין זייערע פּראַכט-מלבושים.

האַלב 11 אין אָווענט איז פאָרגעקומען דער פייערליכער ראַוט, צו וועלכען ס'זענען אויך איינגעלאַדענט געוואָרען די שעף-רעדאַקטאָרען פון די יודישע צייטונגען.

פון דער יודישער געמיינדע איז איינגעלאַדענט געוואָרען נאָר דער עלטסטער ראַבינאַט-מיטגליד, הרב פערעלמוטער. אַזוי ווי ער איז נישט געזונד, האָט ער אַוועקגעשיקט פאַר מיטאָג אַ גרויסע בעגריסונגס-דעפּעשע מיט גליקוואונשען.

### קעניג אַמאַנולאַה וועט קאָנפערירען מיט ריקאָוו'ן און טשיטשערינען.

ריגאַ, 29. (ספּ. טעל.) בעת דער אַפגאַניסטאַנישער קעניג וועט זיין אין מאָסקווע, וועלען דאָרט פאָרקומען אַ רייה קאָנפערענצען צווישען איהם מיט ריקאָוו'ן און טשיטשערינען.

די דאָזיגע קאָנפערענצען זאָלען האָבען אַ זעהר וויכטיגע פּאָליטישע בעדייטונג,

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס דער

פאַמיליע שאַרפשטיין,

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער זוהן

נ. ע. דוד הערש

איהר זאָלט מעהר נישט וויסען פון קיין צער!

די אַרבייטער.

879




קוואַליפיצירטע הערן = שניידער = אַרבייטער

ווערען געזוכט ביי ניעדרוועדזשי, נאַרוטאָוויטשאַ 5.

884

Dr. med. M. GLAZER

ul. ZIELONA Nr. 6.

טעלעפאָן 45-49

הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען 8—7 2—12 9.30—8

Dr. RACHELA LEWI

פּאָנסקאַ 24, טעל. 42-72.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען מיין ליבער מאַן, אונזער געטרייער פאָטער, גרויספאָטער און שוויגערפאָטער

נ"ע אליהו מיכאל ב"ר מרדכי

ערמאַו

(אין עלטער פון 72 יאָהר).

די לויה קומט פאָר היינט, מאָנטאָג, דעם 30. ד.ח. 2 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז, אַלעע 1=טער מאַי (פּאַסאַזש-שולץ) 32, וועגען וואָס עס טיילען מיט די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי. זיהן, טעכטער און אייניקלעך.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל און בייליד דריקען מיר אויס אונזער חבר און פריינד

מולע עדעלמאַן, צוליב'ן טויט פון זיין

פאַטער.

יאַניע און פאַליע שולמאַן.

